קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה

**מכ"ק מרן אדמו"ר זי"ע**

פרשת

## שופטים

יו"ל ע"י

**וועד להוצאת ספרי רבינו זצוק"ל**
**שע"י קהל דברי יחזקאל שינאווא**

בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

שנת תשפ"ג לפ"ק

**· אידיש ·**

כל הזכויות שמורות

## שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ לִשְׁבָטֶיךָ וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט צֶדֶק

**א) רש״י** זאגט: **״ושפטו את העם וגו׳ מנה דיינין מומחים וצדיקים לשפוט צדק״**. לכאורה איז שווער, אויב רעדט מען דא צום ממנה, אז ער זאל שטעלן ׳דיינין מומחים׳, כדי זיי זאלן פסק׳ענען א ׳משפט צדק׳, נו, ווי קומט דא אריין אינעם פסוק דער ענין פון ׳שוטרים׳? דאס האט דאך גארנישט מיטן ענין פון ׳ושפטו וגו׳ משפט צדק׳?

**ב) דער** מדרש זאגט (רבה פ״ה פ״ה): **״מהו שופטים ושוטרים, רבנן אמרי שיהא השוטר כשופט, כשיהו המעשים כנגד המקל והרצועה, ושלא יהא המכה צריך ללקות״** - דער שוטר זאל זיין אזויווי דער שופט, די מעשים זאלן זיין פונקט אזויפיל ווי דער שטעקן, און מען זאל נישט דארפן שלאגן. לכאורה איז דער גאנצער מדרש תמוה און עס איז שווער צו פארשטיין אפילו פשוט פשט: וואס איז געווען שווער פארן מדרש ׳מהו שופטים ושוטרים׳? און וואס האט דער מדרש געענטפערט, אז דער ׳שוטר׳ זאל זיין פונקט ווי דער ׳שופט׳? און פון וועלכע מעשים רעדט ער דא - וואס דאס וועט גורם זיין אז מען זאל נישט דארפן שלאגן? דער גאנצער מדרש איז צריך ביאור.

**ג) נאך** שטייט אין מדרש (רבה פ״ה פ״ב): **״זה שאמר הכתוב** (משלי ז, ו) **״לֵךְ אֶל נְמָלָה עָצֵל רְאֵה דְרָכֶיהָ וַחֲכָם אֲשֶׁר אֵין לָהּ קָצִין שֹׁטֵר וּמֹשֵׁל תָּכִין בַּקַּיִץ לַחְמָהּ אָגְרָה בַקָּצִיר מַאֲכָלָהּ״ וכו׳ ראה חכמה שיש בה, וכל השבח הזה שיש בה שלא למדה מבריה, ולא שופט ולא שוטר יש לה שנאמר אשר אין לה קצין שוטר ומושל, אתם שמניתי לכם שופטים ושוטרים על אחת כמה וכמה שתשמעו להן, הוי שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך״** - דער מדרש שטעלט צו דא אהער דעם פסוק וואס שלמה המלך זאגט פארן ׳עצל׳, אז ער זאל זיך גיין לערנען זריזות פון דער ׳נמלה׳, דער מורישקע, וואס ער לייגט זיך אוועק עסן מיט א זריזות - כאטש וואס ער האט נישט קיין שופט ושוטר העכער זיך, איז דאך זיכער - זאגט דער מדרש - אז א מענטש וואס ער האט יא העכער זיך א שופט ושוטר, דארף ער אודאי האבן די מדה פון זריזות. לכאורה דארף מען פארשטיין עטליכע דיוקים: **א)** דער פסוק פון ׳שופטים

ושוטרים׳ רעדט זיך דאך פון שטעלן דיינים צו פסק׳ענען דיני תורה און מעמיד זיין הדת על תילה, וואו קומט אהער דא דער ענין פון מדת הזריזות און מדת העצלות? די שופטים זענען דאך נישט ממונה אויף דעם ענין אונטער צו איילן דעם מענטש צו טון א מצוה בזריזות? **ב)** אינעם מדרש ווערט שטארק מודגש דער ענין פון ׳חכמה׳ וואס מען זעט ביי דער נמלה; ווי דער לשון המדרש ׳ראה חכמה שיש בה׳. לכאורה וואס איז דא די גרויסע חכמה אז זי לייגט זיך אוועק עסן? עס איז דאך נישט מער ווי א טבע פון זריזות אז זי פארזארגט זיך פון פאראויס, אבער וואס האט דאס צוטון מיט חכמה? **ג)** נאכמער איז שווער אינעם לשון הפסוק ׳**רְאֵה דְרָכֶיהָ וַחֲכָם**׳, וואס דא ווערט נאך שטארקער ארויסגעברענגט דער ענין פון ׳חכמה׳, אלס דער ׳מוסר השכל׳ - וואס דאס דארף מען זיך ארויסנעמען פון דער נמלה. דאס דארף לכאורה א גרויסן הסבר, מען וויל דען דא אז דער ׳עצל׳ זאל ווערן א ׳חכם׳?! מען וויל דאך אז ער זאל ארויסגיין פון ׳עצלות׳ און ווערן א ׳זריז׳, נו, וואלט געדארפט שטיין ״ראה דרכיה ותהיה זריז״, פארוואס זאגט דער פסוק ׳וַחֲכָם׳, אז דער ציל וואו ער וועט אנקומען איז, אז ער וועט ווערן א ׳חכם׳?

**מען** קען אפשר פארענטפערן אזוי. מען וועט מקדים זיין די משנה אין אבות (ג, יז): ״**כל שחכמתו מרובה ממעשיו למה הוא דומה, לאילן שענפיו מרובין ושרשיו מועטין, והרוח באה ועוקרתו והופכתו על פניו וכו׳ אבל כל שמעשיו מרובין מחכמתו למה הוא דומה, לאילן שענפיו מועטין ושרשיו מרובין, שאפילו כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזין אותו ממקומו**״ - טאמער א מענטש האט גרויסע השגות און שכליות, אבער זיינע מעשים קומען נישט צו זיינע השגות, וועט ער צום סוף ווערן אויסגעריסן פון יעדעס קליין ווינטל, אבער טאמער פארקערט, זיינע מעשים זענען נאכמער ווי זיינע השגות, דעמאלט וועט קיין שום שטורעם ווינט אים נישט קענען אויסרייסן.

**זעט** מען פון דער משנה, אז אויב די חכמה ברענגט אים צו טון מעשים טובים, דעמאלט איז די חכמה גאר א גוטע זאך, אבער טאמער ברענגט עס נישט צו קיין מעשים טובים, איז זיין חכמה גארנישט ווערד, עס וועט נישט האבן קיין קיום, און פארקערט, עס איז גאר א חסרון, ווייל דורכדעם וועט זיין ׳באה רוח ועוקרתו׳ און ער בלייבט מיט גארנישט. און

דער הסבר איז, ווייל ׳חכמה׳ דארף זיין א ׳מחייב׳; ווי עס שטייט (אבות א, יז): **״לא המדרש עיקר אלא המעשה״** - עס איז נישט קיין תכלית אז א מענטש זאל סתם וויסן און פארשטיין בעסער און העכער, נאר ווי מער א מענטש ווייסט נאך ידיעות און ער פארשטייט בעסער און טיפער, דארף אים אט דער שכל און השגה, ׳מחייב׳ זיין צו טון מער מעשים טובים, סיי מער ׳בכמות׳, און אודאי מער מיט אן ׳איכות׳, אז ער זאל עס טון מיט א גרעסערע השגה, מיט א הארץ און מיט א מח.

**עס** איז באקאנט אז דער הייליגער צאנזער רב זכרונו לברכה זכותו יגן עלינו פלעגט זיך אנטון שטארקע סיגופים, ער פלעגט זיך ברענען די הענט, ער פלעגט אראפרייסן די באנדאזשן פון דער פוס אין דער מקוה, ביז עס איז אים גערינען בלוט וכדומה. זאגט מען נאך, אז דער אמרי נועם זי״ע האט געזאגט: פארוואס ברענט זיך און רייסט זיך דער צאנזער רב מיט אזעלכע געוואלדיגע סיגופים? (זעט אויס, אז ביי אנדערע צדיקים האט מען דאס נישט געזען אזוי ווייט), די סיבה איז, ווייל דער צאנזער רב האט אזעלכע גרויסע השגות, אז ער האט מורא אז עס זאל נישט זיין ׳חכמתו מרובה ממעשיו׳, דערפאר טוט ער די אלע פעולות צו משלים זיין נאך און נאך מעשים לויט זיינע השגות.

**דער** פסוק זאגט (קהלת א, יח): **״יוֹסִיף דַּעַת יוֹסִיף מַכְאוֹב״** - ווי מער ׳דעת׳ א מענטש האט, אלץ מער ווייטאג האט ער. מיט דעם ווארט פונעם ׳אמרי נועם׳ קען מען אפשר טייטשן דעם פסוק: ״יוֹסִיף דַּעַת״ טאמער א מענטש איז גרויס אין דעת, ער האט א ׳חכמתו מרובה׳, וואס קען ער טון אז עס זאל נישט זיין קיין ׳חכמתו מרובה ממעשיו׳? ״יוֹסִיף מַכְאוֹב״ זאל ער זיך מוסיף זיין סיגופים, אזויווי דער צאנזער רב האט געטון .

**אויך** קען מען טייטשן דעם פסוק מער בפשטות: ״יוֹסִיף דַּעַת״ - ווי מער א מענטש האט א גרעסערע השגה, ״יוֹסִיף מַכְאוֹב״ - דארף עס אים כסדר מער ווי טון און ערגערן. דאס הייסט, ער זאל מורא האבן: ווער ווייסט צי איך בין נישט בגדר פון ׳חכמתו מרובה ממעשיו׳, און ממילא וועט אים דער ׳מכאוב׳ ברענגען מוסיף צו זיין כסדר נאך און נאך מעשים טובים. אבער טאמער א מענטש איז ׳מוסיף דעת׳, און ער איז נישט מוסיף קיין מעשים טובים לפי ערך זיין חכמה, אויף דעם זאגט די משנה אזא מורא׳דיגן

עונש פון 'באה רוח ועוקרתו'; וואס דאס קען אויך זיין נאך א פשט אין פסוק: "יוֹסִיף דַּעַת יוֹסִיף מַכְאוֹב" - זיין גאנצע הוספה פון 'דעת' און חכמה וואס ער האט יעצט, וועט צום סוף גורם זיין צו נאך א שטארקערן 'מכאוב', ווען דער רוח וועט אים חלילה אויסרייסן על פניו ר"ל.

**מיט** דעם קען מען פארשטיין דעם ענין פון שופטים ושוטרים. דער שופט איז אן ענין פון 'חכמה'; ווי עס שטייט ביי שלמה המלך (מלכים א ג, כח): **"כִּי רָאוּ כִּי חָכְמַת אֱלֹקִים בְּקִרְבּוֹ לַעֲשׂוֹת מִשְׁפָּט"**. ווייל דער שופט דארף דאך זיין דער גרויסער תלמיד חכם און ירא אלקים וועלכער איז ראוי צו זיצן ביי א דין תורה. בפרט בזמן הבית וואס די שופטים זענען דאך געווען די סנהדרין וועלכע זענען געזעסן אין לשכת הגזית, וואס אודאי איז דארט געווען א געוואלדיגער כח התורה און א געוואלדיגע קדושה, און זיי האבן זוכה געווען צו הויכע השגות סיי אין תורה און סיי אין עבודת ה'. ווידער, דער 'שוטר', דאס איז אן ענין פון 'מעשים'. דאס הייסט, אז יעדע זאך וואס די 'חכמה' פונעם שופט איז מחייב, זאל נישט בלייבן בלויז ביי דער חכמה, נאר עס זאל טאקע אויך ארויסקומען לידי 'מעשה' און ווערן אויסגעפירט בפועל. און דעריבער האט די תורה געגעבן א ספעציעלן ציווי צו שטעלן שוטרים, ווייל דוקא דורכדעם איז דא א שלימות פון 'חכמה' און 'מעשים'.

**דאס** קען זיין די כונה פונעם פסוק: **"שופטים ושוטרים תתן 'לך' בכל שעריך"**. די תורה רעדט דא 'בלשון יחיד' צו יעדן מענטש באזונדער, אז ער זאל האבן אין זיך, סיי דעם חלק פון 'שופט' - וואס דאס איז זיין חכמה און זיינע השגות, און סיי דעם חלק פון 'שוטר' - וואס ער גייט מיט א שטעקן, צי אין דער בחינה פון צאנזער רב, אז ער שמייסט זיך מיט סיגופים וכדומה, אדער אויפן פשוט'ן אופן, אז ער צווינגט זיך מיט געוואלד צו טון נאך און נאך מעשים טובים.

**דאס** קען זיין די כונה פונעם מדרש: **"מהו שופטים ושוטרים"** - וויאזוי קען יעדער איד מקיים זיין די מצוה פון 'שופטים ושוטרים'. ענטפערט דער מדרש: **"רבנן אמרי שיהא השוטר כשופט"** - די תורה האט געוואלט, אז דער 'שוטר' זאל זיין פונקט ווי דער 'שופט', דאס הייסט, לויט ווי ווייט עס גייט דיין חכמה און השגה - וואס דאס איז די בחינה פון 'שופט', אזוי ווייט דארף

גיין דיינע מעשים - וואס דאס איז די בחינה פונעם 'שוטר', כדי עס זאל נישט זיין קיין 'חכמתו מרובה ממעשיו'. און וויאזוי ברענגט מען זיך צו טון אזויפיל מעשים, זאגט דער מדרש: **"כשיהיו המעשים כנגד המקל והרצועה"** - דו זאלסט נוצן א 'מקל' און 'רצועה' זיך צו ברענגען צו טון מעשים, דאס הייסט, דו זאלסט זיך צווינגען מיט געוואלד (אדער מיט סיגופים; ווי דער צאנזער רב) צו טון אסאך מעשים. און דעמאלט - זאגט דער מדרש - **"ושלא יהא המכה צריך ללקות"** - דער מענטש וואס צווינגט זיך אליין צו טוהן מעשים לפי חכמתו וועט נישט געשלאגען ווערען מיט דעם עונש פון 'באה רוח ועוקרתו על פניו' חלילה, ווייל טאמער זיין חכמה איז אים עפעס מחייב, און אויף למעשה טוט ער עס נישט, איז דאך דא א גרויסע טענה אויף אים: "דו ביסט דאך אזא גרויסער בעל השגה, וואס דער אייבערשטער האט דיר חונן געווען אזא שכל - אשר ה' אלקיך נותן לך - נו, פארוואס טוסטו נישט אויף למעשה?!". אבער דורכדעם וואס מען טוט טאקע למעשה, האלט דאס צוריק דעם מכה פון 'יוסיף מכאוב', אז מען וועט אים נישט דארפן שלאגן אויף זיין 'יוסיף דעת'.

**דאס** קען זיין פשט אין דעם וואס דער מדרש שטעלט דא צו דעם פסוק פון **"לֵךְ אֶל נְמָלָה עָצֵל"**. ווייל אינ'אמת'ן, די מדה פון עצלות איז שייך נאר ביי אזא איינעם וועלכער ווייסט וואס ער האט צו טון און וויאזוי מען דארף עס צו טון, נאר ער פטר'ט זיך דערפון מיט פארשידענע תירוצים, אט דאס הייסט אן 'עצל', אז ער איז נישט מוציא זיינע ידיעות 'מכח אל הפועל'. אבער איינער וואס טוט נישט - ווייל ער ווייסט בכלל נישט וואס און וויאזוי ער דארף צו טון, איז נישט שייך צו זאגן אז ער איז אן 'עצל'. קומט אויס, אז דער עצל איז אזא איינער וועלכער איז 'חכמתו מרובה ממעשיו', ער האט די חכמה און השגה, אבער ער איז פשוט פויל צו טון דאס וואס די חכמה איז אים מחייב. און ווי גערעדט, ביי אזא מענטש וועט זיין חכמה גאר גורם זיין צו א גרויסן חסרון.

**דעריבער** זאגט דער מדרש: **"שופטים ושוטרים"** - פון דעם וואס די תורה האט געהייסן שטעלן שוטרים, זעט מען דאך אז דער גאנצער חשיבות פון 'חכמה' איז נאר ווען עס קומט צוזאמען מיט מעשים, אבער טאמער עס בלייבט בלויז ביי חכמה און עס ברענגט נישט קיין מעשים, איז

די חכמה גארנישט ווערד, און עס איז גאר גורם דאס פארקערטע. ממילא זאגט דער מדרש: **"זה שאמר הכתוב לֵךְ אֶל נְמָלָה עָצֵל רְאֵה דְרָכֶיהָ וַחֲכָם"** - דו 'עצל' וואס דו האסט חכמה, אבער דו ביסט פויל עס ארויסצוברענגען מכח אל הפועל און טון דאס וואס די חכמה איז דיר מחייב, זאלסטו גיין זיך לערנען זריזות פון דער נמלה, און נאר דעמאלט 'וַחֲכָם', מעגסטו זיין קלוג, ווייל דעמאלט וועט דיין חכמה דיר ברענגען א תועלת, אבער טאמער דו וועסט בלייבן ביי דער מדה פון עצלות, איז שוין בעסער אז דו ביסט נישט קיין חכם, ווייל אין אזא פאל איז די חכמה נאר גורם א חורבן. דערפאר זאגט דער מדרש: **"ראה חכמה שיש בה וכל השבח הזה שיש בה"** - לערן זיך אפ פון דער נמלה, אז אפילו מיט דאס ביסל חכמה וואס זי האט - צו זיין א 'רואה את הנולד' און זיך אוועקלייגן עסן אויף שפעטער - בלייבט זי נישט בלויז ביי דער חכמה, נאר זי טוט אויף למעשה מיט א געוואלדיגע זריזות, איז דאך אודאי אז דו, וואס דו האסט אזעלכע גרויסע השגות, זאלסטו זיכער נישט בלייבן בלויז ביים וויסן, נאר דו זאלסט נוצן די אלע השגות צו טון אויף למעשה.

**בדרך** אגב, קען מען זיך אפשר ארויסלערנען פון דער אויבנדערמאנטער מדרש, נאך א זאך בנוגע דעם ענין. ווייל לכאורה ווען מען לערנט די משנה "כל שחכמתו מרובה ממעשיו וכו'", זעט אויס, אז דער חסרון איז נאר, טאמער די חכמה איז מער ווי די מעשים, אבער טאמער זענען זיי גלייך, איז עס נישט קיין חסרון. ווידער אבער, אין דער סיפא פון דער משנה: "כל שמעשיו מרובין מחכמתו וכו'", איז משמע פארקערט, אז די מעשים דארפן זיין נאכמער ווי די חכמה? ווייסט מען דאך, אז שטענדיג ווען עס איז דא אזא סארט סתירה פון דער רישא צו דער סיפא, זאגט די גמרא: "אלא מהא ליכא למישמע מינה", מ'קען זיך נישט אויפדרינגען פון דא אויף קיין איין וועג. אבער למעשה דארף מען דאך וויסן וואס פארלאנגט זיך פון א מענטש.

**אבער** לויט ווי מען האט געטייטשט אין דעם מדרש 'שיהא השוטר כשופט', אז דאס מיינט דעם ענין פון 'חכמה' און 'מעשים', אז די מעשים זאלן זיין פונקט ווי די חכמה, קען מען לכאורה ארויסנעמען פון דעם, אז עס איז

גענוג אז א מענטש טוט אזויפיל מעשים, לויט וויפיל ער איז משיג. און לכאורה איז טאקע מסתבר אזוי, ווייל בעיקר פארלאנגט מען פון א מענטש, אז יעדע זאך וואס ער איז משיג, זאל זיין שכל אים 'מחייב' זיין צו 'טון'. אבער אויב דער מענטש טוט טאקע אלעס וואס זיין השגה איז אים מחייב, קען מען שוין נישט האבן קיין טענה צו אים אז ער מוז טון נאכמער דערפון. אודאי קען מען טון נאך און נאך אן קיין שיעור, אבער דאס איז שוין נישט קיין חיוב אויפן מענטש, ער דארף נאר זען צו טון כאטש וויפיל ער פארשטייט.

## היוצא לנו מזה:

**וואס** מען זעט דא [פונעם גאנצן שמועס]. **"אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו"** (ע"ז ג.), מען פארלאנגט נישט פון דיר מער [פון דיינע כוחות] - נאר וויפיל דער אייבערשטער איז דיר חונן דעת. נאר דער עיקר [פארלאנגט מען], אז דו זאלסט נישט חלילה ארייננפאלן אין דער 'מדת עצלות'.

**דער** 'מדת עצלות' איז נעבעך א מין מדה, וואס איז כולל כמעט יעדן מענטש לפי בחינתו, פארדעם הייבט זיך אן די ברייתא פון רבי פנחס בן יאיר מיט 'זריזות' (סוטה פ"ט, ט"ו): **"זריזות מביא"** [וכו'] צו די אלע מדריגות. ווייל זריזות איז דער פשט, אז א מענטש זאל ארויסברענגען מכח אל הפועל זיינע כוחות הנפש.

**מען** זאגט נאך פון רבי ישראל סאלאנטער, ער האט געזאגט, "הלואי זאל דער גרעסטער טון - וואס דער קלענסטער פארשטייט". אז מען זאל וועלן טראכטן יעדער מענטש ביי זיך, צי איז ער [טאקע] אין דער בחינה אז עס זאל נישט זיין 'חכמתו מרובה ממעשיו'? איז זייער זייער שווער. ווייל סוף כל סוף, ווי נישט, לערנט דאך א איד און ער קוקט אריין אין חסיד'ישע ספרים.

**אודאי** רעדט מען נישט פון מדריגות'דיגע זאכן, אבער על כל פנים, ווען מען קוקט אביסל אין שולחן ערוך, אין מטה אפרים און חסיד'ישע ספרים

- כאפט א פחד יעדן איינעם. מען גיבט זיך א טראכט - מילא די מדרגות וואס דארט שטייט - אבער: "צי שטעל איך צו עפעס עפעס עפעס? צי שטעל איך צו א דאווענען? צי שטעל איך צו א תהלים? צי שטעל איך צו אן עסן, א טרינקען [ווי עס דארף צו זיין]? צי אביסל אהבת ישראל שטעל איך צו? וויאזוי גייסטו צו צו די טעג, טרוקן? אזוי גארנישט גארנישט? דו באטראכסט זיך נישט? דו בארעכנסט זיך נישט? גארנישט גארנישט?! עס לויפט [דורך] א וואך [פון אלול], און עס גייט שוין ווייטער, און גארנישט גארנישט?".

**דאס** איז אויך די בחינה פון "**חכמתו מרובה ממעשיו**". סוף כל סוף פארשטייט ער און ער ווייסט אביסל - יעדער לפי בחינתו - וואס מען פארלאנגט פון אים און וואס מען מאנט פון אים. אבער ליידער עס קומט צו גיין [ליידיג]. אודאי [האט ער] תירוצים, דאס איז דאך דער 'עצל'! דער עצל האט אסאך תירוצים אן א שיעור! אודאי איז מען טאקע פארנומען און מען איז טרוד, עס איז נישט קיין פראגע, נעבעך, די נסיונות הדור האט נישט קיין שיעור און האט נישט קיין ערך. אבער סוף כל סוף, דער מינימום, ממש דאס ביסל, זעסטו עפעס אז דו זאלסט צושטעלן? דו גיבסט א ציטער אז עס קומען אזעלכע טעג? דו גיבסט זיך עפעס א בארעכן? דו גיבסט זיך עפעס א דערמאן?

**בפרט** אז מען דערמאנט זיך אין די צדיקים און ערליכע אידן, ווי זיי האבן אנגעפירט אן אלול! וויאזוי עס איז געווען אן אלול! וויאזוי עס איז געווען די שבתים אין אלול! וויאזוי עס איז געווען יעדער טאג אין אלול! איז דאך א פחד. קומט דאך אויס, אז מען שטעלט אזוי ווייניג צו [היינט], מען איז אזוי ווייט פון עפעס, מען איז אזוי פארשטיינערט וכדומה.

**קומט** צוגיין דא דער פסוק, און דער עבודת ישראל זאגט, אז מען ליינט דאס אלעמאל אין אלול. זאגט ער טאקע: דער 'שופטים ושוטרים תתן לך' גייט ארויף אויף זיך, אויף דעם מענטש, אז ער זאל אויף זיך שטעלן א שופט און א שוטר! ער זאל זען ווי ער האלט מיט עבודת ה'.

**על** כל פנים, דארף מען ארבעטן אויף דעם ענין. איך מיין אז ווען מען בארעכנט זיך זעט מען, אז דער חלק העצלות [איז דער עיקר שטער. ווייל] יעדער איד וויל טון! דער אמת איז, אז מען איז צובראכן! ער ווייסט

וואס מען פארלאנגט פון אים! ער ווייסט [אז] די הייליגע טעג, מען האט דאס נישט א גאנץ יאר! ווען עס קומען די הייליגע טעג, א אלול און א תשרי, ווייסט יעדער איד, וויפיל [ער איז נידריג], האט ער נאך א שטיקל הרגשה וואס איז טייטש אזעלכע טעג! וואס איז דער פשט פון [די גרויסקייט פון] א טאג, א שעה און א מינוט - אין אזעלכע טעג! נאר וואסזשע דען? דער חלק העצלות דאס ארבעט שטארק אויפן מענטש מיט פארשידענע תירוצים, וואס דאס האט נישט קיין שיעור וואס [פארא הפסד] דאס ברענגט. [קומט אויס, אז] נאר דער 'מדת העצלות' [איז שולדיג], וואס דאס איז א מורא'דיגע זאך.

**פארדעם** הייבט דער הייליגער תנא רבי פנחס יאיר אן פון זריזות: הייב אן דארטן ווייל דאס איז דער שורש! ווען א איד הייבט שוין אן צו טון גייט עס שוין! גייט עס ביז 'רוח הקודש'! דו זאלסט וויסן "זריזות מביא", אז דו טוסט - איז 'מביא', עס איז מביא גאר העכער און העכער, מען גייט העכער.

**אבער** דער עיקר איז דער 'מדת [העצלות], זיך ארויס נעמען פון דעם עצלות, וואס [ווען מען איז] דארט, הייבט מען נישט אן צו טון. מען דוכט זיך ווי די הענט זענען געבינדן, דאס מויל איז געבינדן, דער קאפ איז געבינדן און אלעס [איז געבינדן] נעבעך. מען איז אין אזא מצב ממש, וואס מען קען גארנישט צוקומען צו גארנישט. איז ממילא, דאס דארף יעדער איד זיך באַרעכענען, אז ער זאל ארבעטן אויף זיין 'מדת העצלות'.

**על** כל פנים, אין די הייליגע טעג זאל ער זען ארויסצוגיין [פון עצלות], ער זאל וויסן אז א 'שיעור' צו לערנען איז נישט קיין פשוט'ע זאך. [עס זאל נישט צוגיין אויף אן אופן]: "אז יא - יא, אויב איך האב צייט - איז יא, און אז נישט - איז נישט! איך בין דא טרוד און איך בין דא טרוד!". מען דארף זיך גוט באַרעכענען, רְאֵה דְרָכֶיהָ וַחֲכָם, דו זאלסט זיך גוט באַרעכענען צי דו ביסט געַרעכט און צי דו טוסט גוט. אויב דו האסט פארשפעטיגט א שיעור, צי איז דאס אויסגעהאלטן? דו קענסט דאס שוין קיינמאל נישט צוריק באקריגן! דו האסט פארשפעטיגט צו לערנען - צי ברבים, צי מיטן חבר, א תפלה בציבור, וכדומה יעדע זאך, וואס מען דארף נישט [אלעס]

אויסרעכענען, צדקה וחסד וכדומה. דארף מען זיך בארעכענען צי מען איז יוצא. עס איז דאך אזעלכע טעג.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, יעדער איד זאל זיך קענען נעמען אין דער האנט אריין, און ער זאל נישט חלילה אנברענגען די הייליגע טעג, [ער זאל נישט לאזן דעם] מדת עצלות שורה זיין אויף זיך, נאר זיך מתגבר זיין כארי; "**יתגבר כארי לעשות רצון אבינו שבשמים**". מען זאל זיך נעמען אין דער האנט אריין. און וויסן אז באמת, יעדע מינוט און יעדע רגע האט א געוואלדיגן כח! יעדער איד - וואס ער טוט [נאר] - צי א קרעכץ, צי א דבר תורה וכדומה - [האט א געוואלדיגן כח]. איז ממילא, דארף מען דאס וויסן, אז יעדע מינוט האט א חשיבות! און יעדע רגע האט א חשיבות!

**איך** האב געהערט זאגן א ווארט: "**[אל תהי מפליג] לכל דבר**" (אבות ד, ג), אז דער פשט איז, אז 'דבר' מיינט מען א מינוט. וואלסט דאך געקענט ווען געבן א קוק אריין דארט אין א ספר: "לאמיר זען דארט פאר איין מינוט". עס איז פארהאן אמאל, ער גיבט א קוק אריין אין ספר, און ער זעט עפעס אזא ווארט - וואס איז אים מחיה און עס געבט אים חיזוק ממש, אז עס האט נישט קיין שיעור. ממילא דו האלטסט דא 'איך גיי דאווענען', 'איך גיי צום דאווענען', 'פון דאווענען', [זאג נישט]: "עה, ס'איז נישט [קיין צייט צו לערנען יעצט], [נאר] נעם ארויס א ספר און געב א קוק, וועסטו זען דו וועסט זיך מחיה זיין! עס וועט דיר אזויפיל העלפן!

"**בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו**" (מכות י:) דאס איז א כלל. "**פתחו לי פתח כפתחו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם**" (שהש"ר ה, ג). מיט דעם כח קען מען דאך נאר גיין, "**לולי הקדוש ברוך הוא עוזרו**" איז דאך גארנישט (קידושין ל:). ממילא, מען דארף נאר דעם 'פתח של מחט' - 'עפעס', 'עפעס', בפרט בדור הזה וואס איז אזא שווער דור, איז נישט קיין ספק, אז מיט דעם וואס א איד טוט עפעס, יעדער 'עפעס' - האט א געוואלדיגן כח, אז עס זאל ברענגען נאך און נאך און נאך.

**מען** ווייסט דאך וואס עס טוט זיך היינט אפ, מען זעט דאך. מען דארף אזויפיל ישועות ברוחניות ובגשמיות, אין ארץ ישראל נעבעך כסדר און דא אויך, דער אייבערשטער זאל זיך מרחם זיין, עס קומט א יאר. דער

אייבערשטער איז א 'שומע תפלת כל פה', [פון] יעדן איד, עס איז נישטא [וואס] צו זאגן.

**דער** עבודת ישראל זאגט דאך: **"לא תזבח לה' אלקיך שור או שה"**, זאגט ער: 'שור' מיינט מען, מען קוקט 'גדלות הבורא'. און 'שה' מיינט מען 'ענוה'. זאגט ער: **"כל דבר אשר בו מום"**, דאס מיינט, אז אויב עס איז דא א מום אז עס פעלט אין דעם וואס עס דארף צו זיין, 'גדלות הבורא' און אויך 'שפלות עצמו'.

**אבער** זאגט ער: נישט חלילה אזא 'שפלות עצמו', אז עס זאל ברענגען 'התמרמות', דער מענטש זאל ווערן פארביטערט און פארזויערט, און חלילה ארייפאלן [א מחשבה] אז סיי ווי סיי זיינע תפלות נוצן נישט, און זיינע תפלות האבן נישט קיין כח ווייל ער זינדיגט. זאגט ער: **"תועבת ה' גם שניהם"**, [סיי] די עניוות'ן און [סיי] חלילה גאות - ביידע! "תועבת ה' גם שניהם".

**א** מענטש דארף וויסן, אז דער אייבערשטער איז 'שומע תפלת כל פה'. עס איז חביב און מען קוקט ארויס פון הימל אויף יעדע אידישע תפלה! עס האט נישט קיין שיעור און עס האט נישט קיין ערך. **"קרוב ה' לנשברי לב"**, דער אייבערשטער איז נאנט צו א צובראכן הארץ! אסאך מאל קען מען דאס יא ארויסגעבן [און אסאך מאל נישט], אבער דער אייבערשטער איז דאך א 'יודע מחשבות', און ממילא ווערט א איד געהאלפן! פון יעדע קלייניקייט ווערט א איד געהאלפן.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן אונז זאל מיר זוכה זיין, דער אייבערשטער זאל אונז מאיר עינים זיין מען זאל קענען זיך מתגבר זיין אויף די נסיונות פונעם יצר הרע, און מען זאל קענען צוגיין צו די הייליגע טעג - דער הייליגער חודש הרחמים און צו די אלע הייליגע טעג - זאל מען צוגיין מיט א לב טהור. דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זוכה זיין אז עס זאל נשפע ווערן שפע ברכה והצלחה בכל הענינים, בריאות השלימות בכלל ובפרט, זאל מען זוכה זיין צו די גאולה שלמה במהרה בימינו, אמן.